# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

מקץ - זאת חנוכה

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון

וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות

אין הארות מעלדט אייך צו:


אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**



©

**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## מקץ - זאת חנוכה


את אשר האלקים עושה - דאָס וואָס איז דיר באַשערט וועט קומען אין די באַשערטע צייט ........................ א

ויריצוהו מן הבור - אָננעמען און מקבל זיין די הנהגת ה׳ ........................ ד

עד שתכלה רגל מן השוק - אַרבעטן אויף מער ׳השתדלות׳ ברענגט נישט מער פרנסה ........................ ו

מאת ה׳ היתה זאת - די סגולות פון דעם טאָג ״זאת חנוכה״ ........................ ח

בזאת אני בוטח - אין דעם טאָג קען יעדער פויעלן ישועות למעלה מדרך הטבע ........................ י

לשנה האחרת - מיטנעמען די השפעות אויף אַגאַנץ יאָר ........................ יג

# מקץ - זאת חנוכה

**את אשר האלקים עושה - דאָס וואָס איז דיר באַשערט וועט קומען אין די באַשערטע צייט**

**את** אשר האלקים עושה הגיד לפרעה (מא, כה). זאָגט הגה"צ רבי משה מידנער זצ"ל (געברענגט אין ספר "תורת אבות"), אַז יוסף האָט געלאָזט וויסן פאַר פרעה, אַז אַלעס וואָס קומט-פאַר אויף דער וועלט, ווערט געטוהן דורך דעם אויבערשטען. אַלעס איז מיט'ן כח פון באַשעפער ברוך הוא[א]. און צוליב דעם זאָגט די תורה ווייטער (פסוק לט) אַז פרעה האָט געזאָגט פאַר יוסף: "ויאמר אחרי הודיע אלקים אותך את כל זאת, אין נבון וחכם כמוך". דו שטייסט אויף אַ מדרגה צו וויסן אַז אַלעס טוט דער אויבערשטער, און ממילא, איז נישט דאָ נאָך אַזאַ קלוגער מענטש ווי דו[ב].

**דאָס** איז די מדה וואָס מיר געפינען ביי יוסף הצדיק, אַז ער האָט געלעבט מיט אמונה, אַז אַלעס וואָס פאַסירט מיט איהם, איז נאָר מיט'ן רצון פון דעם באַשעפער.

---

**א.** די קדמונים זאָגן, אַז וועגן דעם שפילט מען חנוכה "דריידל", און מען דרייט עס פון אויבן, אָבער פורים, קלאַפּט מען מיט'ן גראַגער פון אונטן, ווייל פורים איז געווען אין דער בחינה פון "אתערותא דלתתא". די אידן האָבן מתפלל געווען און געפאַסט, ווי דער פסוק זאָגט (אסתר ד, א-ג) "וילבש שק ואפר, ויצא בתוך העיר, ויזעק זעקה גדולה ומרה... ובכל מדינה ומדינה, מקום אשר דבר המלך ודתו מגיע וגו' וצום ובכי ומספד, שק ואפר יוצע לרבים". אָבער ביי חנוכה, איז דער גאַנצער נס געקומען מיט אַ התעוררות פון אויבן. צוליב דעם קומט אויך דאָס "דרייען" מיט'ן "דריידל" - פון אויבן.

עס איז באַקאַנט וואָס מ'פרעגט אויף דעם, חנוכה האָבן דאָך די חשמונאים אונטערגענומען אַ מלחמה קעגן די יוונים, און אויב אַזוי, איז דאָך אויך אין חנוכה געווען דער נצחון דורך אַן "אתערותא דלתתא"? איז דער תירוץ, אַז די מלחמה (און דער נצחון) ווערט נישט אָנגערופן אויפ'ן נאָמען פון די מענטשן, ווייל דער אויבערשטער איז דער וואס פירט די מלחמות, ווי די חז"ל זאָגן (ע"ז ב:) "מלחמות אני עשיתי". נאָר תפילות, פאַסטן און אידישע טרערן, ווערן באַצייכנט אַלס "אתערותא דלתתא".

מענין לענין: עס איז באַקאַנט די קשיא פון "בית יוסף" (סי' עת"ר) פאַרוואָס האָט מען באַשטימט צו צינדן לעכט אַכט טעג, דער נס איז דאָך געווען נאָר זיבן טעג, ווייל דאָס קריגל האָט דאָך געהאַט אויל אויף איין טאָג?

ענטפערט דער "בית יוסף" (אין ערשטן תירוץ) אַז די כהנים האָבן איינגעטיילט דאָס אויל אין אַכט חלקים, צו ברענען אַכט טעג. יעדן טאָג, האָבן זיי אַריינגעלייגט אין די מנורה, נאָר אַן אַכטל פונעם שיעור. אַזוי קומט אויס, אַז אויך אין ערשטן טאָג האָט פאַסירט אַ נס, אַז דאָס אויל האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט.

פרעגט דער גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל, ווי אַזוי האָבן די חשמונאים געקענט צינדן נאָר אַן אַכטל פונעם שיעור, און זיך פאַרלאָזן אויף אַ נס אַז עס וועט ברענען אַ גאַנצע נאַכט. די חז"ל זאָגן דאָך (שבת לב.) "אין סומכין על הנס" - מ'פאַרלאָזט זיך נישט אויף אַ נס?

ענטפערט רבי שלמה קלוגער, לויט ווי דער מהרש"א זאָגט (קידושין כט:) אַז אַ נס וואָס קומט דורך תפילה פון אַ מענטש, איז נישט בגדר "נס", אַז מ'זאָל אַראָפּרעכענען פון די זכותים פונעם מענטש (ווי די גמרא זאָגט (שבת נד:) אַז דער מענטש וואָס עס פאַסירט איהם אַ נס, "מנכין לו מזכיותיו"). לויט דעם קען מען זאָגן, אַז דאָ האָבן די חשמונאים זיך נישט פאַרלאָזט אויפ'ן נס, ווייל זיי האָבן געוואָלט מתפלל זיין אַז די לעכט זאָלן לייכטן אַ גאַנצע נאַכט. ממילא, איז גלייך ווי דער נס וואָלט פאַסירט על פי טבע.

**ב.** דער "בן איש חי" זצ"ל (פרשת עקב, שנה ראשונה) זאָגט ווערטער וואָס זענען אייביג אַקטועל, בפרט אין די יעצטיגע טעג פון הלל והודאה, וואָס מיר לויבן און דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר די נסים וואָס ער האָט געטוהן מיט די חשמונאים בימים ההם בזמן הזה.

זאָגט דער "בן איש חי" אויפ'ן פסוק (דברים ח, יח) "וזכרת את ה' אלקיך כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל". געוועינטליך זאָגט מען נישט פאַר אַ מענטש "דו זאָלסט געדענקען", נאָר אין אַ פאַל ווען עס איז דאָ אַ זאַך וואָס מאַכט איהם פאַרגעסן, ווי די גמרא זאָגט (ביצה טז.) אויפ'ן פסוק (שמות כ, ח) "זכור את יום השבת לקדשו, זכרהו מאחר שבא להשכיחו". וויבאַלד דער מענטש איז געוואוינט צו אַרבעטן זעקס טעג אַ וואָך, דאַרף מען אין איהם

אַזוי שרייבט דער "שפת אמת" (פ' וישב תרמ"ו, תרס"א, ופ' מקץ תרנ"ח) יוסף הצדיק האָט האָט אַלעם מקבל געווען באהבה, גלייבנדיג אַז דאָס איז דער רצון פון דעם אויבערשטען. און די זעלבע דאַרף אַ איד וויסן און גלייבן אַז אַלעם ווערט געטוהן מיט די השגחה פון דעם באַשעפער, און עס נישט דאָ אויף דער וועלט אַ צופאַל. ווייל אפי' ווען ער האָט אַראָפּגענידערט קיין מצרים און איז איינגעשפּאַרט געוואָרן אין תפיסה האָט יוסף געוואוסט אַז ער איז אַהין געשיקט געוואָרן דורך דעם אויבערשטען ברוך הוא. און אין יעדן פלאַץ וואָס ס'איז דער ווילן פון דעם אויבערשטען אַהין צו שיקן דעם מענטש, דאַרף דער מענטש דאָרט טוהן זיין שליחות, און טוהן דעם רצון פונעם קעניג" (דער אויבערשטער)[ג].

---

מעורר זיין דעם כח הזכרון, ער זאָל געדענקען דעם שבת'דיגן טאָג, און ער זאָל זיך צוריקהאַלטן דעמאָלס פון אַרבעטן.

דאָס זעלבע איז ביי די הנהגה פון דער וועלט, ביי יעדע זאַך וואָס דער מענטש טוט, סיי אויב ער אַרבעט, סיי ביים האַנדלען, און אַזוי ביי אַלע זיינע פּערזענליכע ענינים. וויבאַלד דער מענטש זעהט אַז אַלעס פירט זיך מיט'ן דרך הטבע, איז די טבע וואָס איז איינגעוואָרצלט אין דער וועלט, ברענגט דעם מענטש צו שכחה, ער זאָל נישט געדענקען אַז אַלע זיינע געשעפטן ווערן געטוהן מיט די השגחה פון דעם באַשעפער ברוך הוא, "עילת העילות וסיבת הסיבות", נאָר ער זאָל טראַכטן אַז אַלעס ווערט געטוהן בדרך הטבע, און אַזוי וועט ער זיך איינרעדן "כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה". וועגן דעם האָט דער פסוק געדאַרפט וואָרענען דעם מענטש צו געדענקען דעם אויבערשטען, ווייל די טבע וועט איהם ברענגען צו פאַרגעסן ח"ו אַז דער באַשעפער ברוך הוא פיהרט די וועלט.

צוליב דעם טעם, האָבן די אנשי כנסת הגדולה מתקן געווען צו לויבן דעם אויבערשטען ביי פיר זאַכן, וואו דער מענטש איז עלול צו טראַכטן אַז ס'איז נאָר די טבע פון דער וועלט, און אַזוי וועט ער פאַרגעסן די הנהגה פון דעם באַשעפער, וואָס ער פירט איהם אין אַלע זיינע ענינים. די פיר זאַכן זענען, 1) אַ מענטש וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון תפיסה. 2) אַ מענטש וואָס האָט געליטן יסורים און איז אויסגעהיילט געוואָרן דערפון. 3) אַ מענטש וואָס איז אַריבערגעפאָרן דעם ים. 4) אַ מענטש וואָס איז אַדורכגעגאַנגען דעם מדבר.

דער סימן פאַר די פיר זאַכן איז, "וכל ה'חיים' יודוך סלה", חיי"ם ראשי תיבות ח'בוש, י'סורין, י'ם, מ'דבר. געווענליך ווערט דער קראַנקער אויסגעהיילט דורכ'ן דאָקטאָר מיט זיינע מעדיצינען. וואָס בעסער דער דאָקטאָר פאַרשטייט דערצו, און וואָס שטאַרקער עס זענען די מעדיצינען, האָט דער חולה אַ גרעסערן תועלת דערפון, און ער וועט שנעל אויסגעהיילט פון זיין קראַנקהייט. ביי דעם דאַכט זיך פאַר'ן מענטש אַז ער איז אויסגעהיילט געוואָרן בדרך הטבע.

דאָס זעלבע איז מיט'ן מענטש וואָס ווערט באַפרייט פון תפיסה. אין די מערסטע פאַלן, ווערט ער נישט באפרייט פון די תפיסה אָן די השתדלות פון אַנדערע מענטשן וואָס האָבן זיך באַמיט פאַר איהם, סיי מיט געלט, סיי דורך באַנוצן "פּראָטעקציע", און עס זעהט אויס פאַר דעם באַפרייטן, ווי זיין הילף איז געקומען דורך 'מענטשליכע' סיבות.

אַזוי אויך די מענטשן וואָס גייען אין די מדבריות. זיי גייען געווענליך נישט אַליין אין מדבר, נאָר אין באַגלייטונג פון אַנדערע מענטשן, אָדער מיט באַוואָפנטע וועכטער. קען זיך דאַכטן פאַר דעם מענטש, אַז דורך זיי איז געקומען זיין אָפּהיטונג, און אַדאַנק זיי איז ער אָנגעקומען בשלום צום ציל פון זיין נסיעה. אַזוי אויך דער מענטש וואָס פאָרט איבער'ן ים, קלויבט אויס אַ גוטע שיף און אַ קאַפּיטאַן וואָס פאַרשטייט גוט ווי אַזוי צו פירן די שיף אויף דעם שטורמישן ים, ווייל ער קלערט אַז אַזוי וועט ער געראַטעוועט ווערן פון די שטורמישע ים-כוואַליעס, און ער וועט אָנקומען בשלום צו זיין ציל.

דעריבער דאַרף מען ספּעציעל ביי די דערמאַנטע פיר זאַכן, וואו דער מענטש איז מער אימשטאַנד צו פאַרגעסן די השגחה פרטית פון דעם באַשעפער ברוך הוא, ווייל ער הענגט אָן זיין טובה אין די טבע פון דער וועלט. צוליב דעם האָט מען מתקן געווען ביי די פיר זאַכן די ברכת הודאה, אַז דער מענטש זאָל לויבן און דאַנקען דעם באַשעפער, וואָס אַדאַנק זיין השגחה איז ער אָפּגעהיטן און געראַטעוועט געוואָרן פון אַ סכנה. אַזוי וועט איינגעוואָרצלט ווערן ביי יעדן פרט, די אמונה אין די השגחה פונעם באַשעפער.

**ג.** מיר האָבן געהערט אין נאָמען פון אַ גדול, אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מא, לט-מא) "ויאמר פרעה אל יוסף וגו' אין נבון וחכם כמוך, אתה תהיה על ביתי, ועל פיך ישק כל עמי, רק הכסא אגדל ממך. ויאמר

ווייטער שרייבט דער "שפת אמת", אַז יוסף הצדיק האָט זיכער געהאַט די מעגליכקייט צו טוהן פאַרשידענע תחבולות אַרויסצוגיין פון תפיסה, ווייל יוסף איז געווען זייער קלוג, און אויך רייך, ווייל ער האָט דאָך געהאַט צוטריט צו אַלעם וואָס האָט געהערט צו פוטיפר, און מסתמא האָט יוסף זיך געקענט אַרויסראַטעווען פון די טורמע. נאָר וויבאַלד יוסף האָט געגלייבט אַז עס איז דער רצון פונעם באַשעפער אַז ער זאָל זיצן אין תפיסה, וועגן דעם איז ער דאָרט געבליבן, און ער האָט נישט געזוכט תחבולות אַרויסצוגיין פריי פון דאָרט! און אויף דעם זאָגט דער פסוק "ויהי שם בבית הסוהר" - "בהווייתו היה שם", ע"כ[ד].

אַזוי זאָגט הרה"ק רבי יהושע'לע אָסטראָווער זי"ע ("תולדות אדם", נר ז' דחנוכה), אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מא, יד) "וישלח פרעה ויקרא אל יוסף ויריצוהו מן הבור". אַ מענטש זיצט אין תפיסה אַ לאַנגע צייט ח"ו. ער זעהט נישט די שיין פון די זון און אַ וועג באַפרייט צו ווערן. ביים סוף פון צוועלף יאָר, האָט ער באַקומען אַ וועג באַפרייט צו ווערן פון תפיסה, און מ'האָט איהם אַפילו ערלויבט צו קומען צום קעניג אַליין, און רעדן מיט איהם. איז דאָך זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז מ'דאַרף אַזאַ איינעם נישט "אונטעריאָגן" צו גיין צום קעניג, ווייל ער וועט אַליין לויפן מיט אַלע זיינע כוחות צום קעניג, און זיך וואַרפן

---

פרעה אל יוסף, ראה נתתי אותך על כל ארץ מצרים". איז שווער, פאַרוואָס האָט פרעה נאָך אַמאָל איבערגעזאָגט פאַר יוסף, "ראה נתתי אותך על כל ארץ מצרים"?

איז דער תירוץ, אַז לויט'ן דרך הטבע, וואָלט יוסף הצדיק זיך געדאַרפט אינגאַנצן פאַרלירן, און אַרויסגיין פון אַלע גרעניצן, פון גרויס שמחה, ביים הערן אַזאַ גוטע בשורה, אַז ער גייט אַרויס פון פינצטערן גרוב, צו ווערן דער משנה למלך. פאַקטיש, אָבער, איז יוסף הצדיק אינגאַנצן נישט נתפעל געוואָרן פון די גוטע נייעס, און ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין התרגשות. דאָס אַלעס איז געווען אַדאַנק זיין מדה פון "השתוות". פרעה, פון זיין זייט, האָט אָבער געמיינט, אַז די סיבה פאַרוואָס יוסף ווערט אינגאַנצן נישט נתפעל, איז דערפאַר ווייל ער באַגרייפט נישט דעם באַדייט פון זיין באַפרייאונג... און אַז ער באַשטימט איהם גאָר אַלס דער "משנה למלך" אין מצרים. וועגן דעם האָט פרעה איבערגעזאָגט נאָך אַמאָל פאַר יוסף די ווערטער: "ראה נתתי אותך על כל ארץ מצרים". דו זאָלסט זיך מתבונן זיין וואָס עס קומט דאָ פאָר מיט דיר.. פאַרוואָס זעהט מען נישט אַן ענדערונג אויף דיין פנים, צוליב די גוטע בשורה?...

אַנדערע (קונטרס "פרי עוז"), פאַרענטפערן די קשיא, פאַרוואָס פרעה האָט געדאַרפט נאָך אַמאָל איבער'חזר'ן פאַר יוסף אַז ער באַשטימט איהם אַלס משנה למלך אין מצרים, ווייל יעדע מינוט וואָס יוסף האָט געשמאַכטעט אין תפיסה האָט ער געגלייבט אַז אַ מינוט שפּעטער קען ער באַפרייט ווערן מיט אַ "חירות עולם". דעריבער איז בכלל נישט געווען אין זיינע אויגן אַ וואונדער אַז ער איז אין איין מינוט פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַן אַרעסטאַנט אין טורמע צו ווערן אַ משנה למלך. וועגן דעם, האָט ער נישט אַרויסגעוויזן התפעלות ווען ער האָט געהערט פון פרעה די ווערטער "ועל פיך ישק כל עמי". אָבער פרעה, וועלכער איז נישט געווען אַ "מבין" אויף יוסף הצדיק, האָט זיך געוואונדערט אויף זיין אויפפירונג, און ער האָט נאָך אַמאָל אויסגערופן, "ראה נתתי אותך על כל ארץ מצרים", ווי איינער זאָגט, דו פאַרשטייסט דאָך בכלל נישט וואָס מ'האָט דיר יעצט געזאָגט...

**ד.** אַזוי זאָגט שוין דער "קדושת לוי", אויפ'ן פסוק אין פרשת וישב (לט, כ) "ויקח אדוני יוסף אותו ויתנהו אל בית הסוהר ויהי שם בבית הסוהר". לכאורה זאָגט דער פסוק דאָ אַ דאָפּלטן לשון, ווייל אויב פוטיפר האָט איהם אַרייגעזעצט אין תפיסה, פאַרשטייט מען דאָך אַליין אַז יוסף איז דאָרט געווען. פאַרוואָס דאַרף דער פסוק איבער'חזר'ן די ווערטער "ויהי שם בבית הסוהר"?

ענטפערט דער קדושת לוי זי"ע, ווען דער אויבערשטער שיקט אויפ'ן מענטש אַ זאַך וואָס איז נישט גוט ח"ו, טאָר דער מענטש נישט טוהן אַ גשמיות'דיגע פעולה, נאָר ער דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען, וועלכער וועט אַוודאי אַלעס איבערדרייען פאַר איהם צום גוטן. אָט-דאָס איז געווען די מדה פון נחום איש גם זו, ער האָט כסדר געזאָגט "גם זו לטובה" (תענית כא.). דאָס איז דער רמז אין די ווערטער: "ויהי שם בבית הסוהר". כאָטש אַפילו יוסף האָט געקענט טוהן אַ פעולה צו באַפרייען זיך פון תפיסה, האָט ער גאָרנישט געטוהן אַרויסצוגיין פון דאָרט פריי, ווייל ער האָט שטענדיג געגלייבט אַז אַלעס איז פאַר זיין טובה.

פאַר איהם אויף דער ערד, און בעטן באַפרייט צו ווערן. דאָ זאָגט אָבער דער פסוק, "ויריצוהו". יוסף איז נישט געגאַנגען אַליין צו פּרעה, נאָר מ'האָט איהם געדאַרפט "אונטעריאָגן", צו גיין צום קעניג...

**זעהען** מיר דאָ די גרויסע מדת הבטחון פון יוסף הצדיק, אַז ער האָט געגלייבט און אנערקענט אַז אַלעס ווערט געפירט פון הימל, און אַז ער וועט "באַפרייט ווערן" פון תפיסה אין דער מינוט ווען ס'איז אַזוי אָנגעשריבן פון הימל. נישט פריער, און נישט שפּעטער. אויב אַזוי, וואָס האָט ער זיך צו יאָגן און צו לויפן אומזיסט? וועגן דעם, האָבן די קנעכט פון פּרעה איהם געמוזט אונטעריאָגן.

**מ'זעהט** טאַקע יוסף'ס גרויסן בטחון אין דעם אויבערשטען, פון דעם וואָס אין דער צייט ווען ער איז געשטאַנען פאַר פּרעה, האָט ער נאָך נישט געוואוסט אַז פון דאָרט עפענט זיך אַ טיר פאַר זיין באַפרייאונג, און פונדעסטוועגן, האָט ער נישט געטוהן אַ פּעולה, און נישט געבעטן פּרעה ער זאָל איהם באַפרייען, ווייל ער האָט געגלייבט, אַז אויב עס איז געקומען די צייט ער זאָל באַפרייט ווערן, וועט עס געשעהן אויך אָן דעם וואָס ער זאָל דאַרפן טוהן אַ פּעולה דערפאַר, און כאָטש דער מענטש איז מחויב צו טוהן השתדלות, אָבער יוסף הצדיק האָט - אַדאַנק זיין גרויסע מדה פון בטחון - אַפילו נישט געדאַרפט טוהן די מינדעסטע השתדלות[ה].

### ויריצוהו מן הבור - אָננעמען און מקבל זיין די הנהגת ה'

**מיט'ן** כח פון אמונה, ווערט מען געהאָלפן אין אַלע ענינים, ווי עס שטייט אין ספה"ק "שפת אמת" (מקץ, תרנ"ה, ד"ה "במדרש"), אַז ווייבאַלד יוסף הצדיק האָט נישט געזוכט תחבולות אַרויסצוגיין פריי פון תפיסה, נאָר ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף דעם אויבערשטען, ווי דער פסוק זאָגט "ויהי שם בבית הסוהר", וועגן דעם איז ער באַפרייט געוואָרן פאַר די צייט[ו].

---

**ה.** מיר, פון אונזער זייט, קענען זיך אַרויסלערנען כאָטש נישט צו טוהן אַ "געכאַפּטע" השתדלות...

דער מענטש וואָס גלייבט אין באַשעפער באמת, ווייסט אַז אַלעס איז פון הימל, ווי הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע פון פּשיסחא האָט געזאָגט ("שיח שרפי קודש", ח"ב, כט), אַז מענטשן זענען געוואוינט צו זאָגן, "געלט פאַלט נישט אַראָפּ פון הימל"... אין אונזער פרשה, זעהט מען אָבער פאַרקערט. מנשה האָט געזאָגט צו זיינע פעטערס, די הייליגע שבטים (פרשתינו מג, כג) "אלוקיכם ואלוקי אביכם נתן לכם מטמון באמתחותיכם, כספכם בא אלי". (דער אויבערשטער האָט ענק אריינגעשיקט די געלט אין ענקער זאק) צו דען זענען די שבטים געוועזן שוטים ח"ו, צו טראַכטן, אַז דער אויבערשטער האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס געלט פון הימל?... נאָר ווען דען, עס מוז זיין אַז דער אויבערשטער "וואַרפט" יאָ געלט פון הימל... דער אויבערשטער, וואָס ער איז אַ "כל יכול", איז אויך בכח צו "וואַרפן" געלט פון הימל...

**ו.** דער פילצער רבי, הרה"ק רבי פנחס מנחם זצ"ל, בעל "שפתי צדיק", האָט אַמאָל געפרעגט זיין שוואָגער, הרה"ק בעל "שפת אמת" זצ"ל, אויף די ווערטער פון מדרש (ב"ר פס"ז) וועגן אליעזר עבד אברהם, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען פון כלל פון "ארור" און איז אַריין אין כלל פון "ברוך", ווייל ער האָט באַדינט דעם צדיק אברהם באמונה. זאָגט דער מדרש, ענליך געפינען מיר ביי יוסף הצדיק (עי' שהש"ר פ"א, א) רבי פנחס האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבי שמואל בר אבא, יעדער מענטש וואָס באַדינט זיין האַר ווי עס דאַרף צו זיין, גייט אַרויס פריי, אַזוי ווי יוסף וואָס האָט באַדינט זיין האַר געטריי, איז אַרויסגעגאַנגען פריי.

האָט דער "שפתי צדיק" געפרעגט דעם "שפת אמת": גאַנץ רעכט, ביי אליעזר איז אַ חשיבות אַז ער האָט באַדינט געטריי זיין האַר, אברהם אבינו, אָבער וואָס איז דער שבח פאַר יוסף הצדיק, אַז ער האָט געטריי באַדינט זיין האַר, דעם רשע פּוטיפר?

האָט דער "שפת אמת" געענטפערט: דער מדרש מיינט צו זאָגן, "על ידי ששימש את רבו", דורך דעם וואָס יוסף האָט באַדינט זיין האַר, דעם טמא'נעם גוי, "באמונה", גלייבנדיג אין באַשעפער מיט אַן אמת'ע אמונה, און ער איז נישט געוואָרן צובראָכן פון דעם פאַקט וואָס יוסף הצדיק, דאָס אויסדערוויילטע קינד פון יעקב אבינו ע"ה, דאַרף שטיין און באַדינען אַ טמא'נעם גוי, נאָר "באמונה" - ער האָט אָנגענומען אַלעס מיט אמונה און מיט שמחה, און אין זכות פון די אמונה אין באַשעפער, איז ער אַרויסגעגאַנגען פריי, און נאָך מער, ער איז אַפילו גרויס געוואָרן, באַשטימט צו ווערן אַלס דער משנה למלך אין מצרים.

**אמונה** איז בכח צו צוברעכן אַלע מחיצות און די גרעניצן פון טבע, און צו ראַטעווען דעם מענטש, פון אַלע זיינע פּראָבלעמען, אפילו ווען עס זעהט איהם אויס אַז דער דרך הטבע איז אַ סאַך שטאַרקער פון איהם'.

**אַזוי** געפינען מיר לגבי דעם נס חנוכה, אין ספר "צרור המור" (פ' ואתחנן) אַז עס איז איהם אַנטפּלעקט געוואָרן אַ טעם פאַרוואָס דער יום טוב פון די חשמונאים ווערט אָנגערופן מיט'ן נאָמען "חנוכה". אַלע ימים טובים ווערן גערופן אויפ'ן נאָמען פון די פּאַסירונג. "פּורים", אויפ'ן נאָמען פון גורל ("על שם הפּור"). "פּסח" - "אשר פּסח ה' על בתי בני ישראל"... אַזוי אַלע אַנדערע ימים טובים. אויב אַזוי, פאַרוואָס איז חנוכה נישט אָנגערופן געוואָרן אויפ'ן נאָמען פון די געשעעניש, נאָר אויף די צייט פון יאָר, ווי ס'איז דער רמז, "חנו כ"ה" זיי האבן גערוהט דעם 25-טן טאָג פון חודש כסלו?

**ענטפערט** דער "צרור המור", אַז צוליב די גרויסע צרות וואָס זיי האָבן געליטן פון די יוונים, האָבן די אידן נישט געקענט לערנען און דאַווענען. זיי האָבן נאָר געקענט טוהן איין זאַך, מייחד זיין דעם נאָמען פון דעם אויבערשטען, דורכ'ן זאָגן דעם פּסוק "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", וואָס האָט 25 אותיות. מיט'ן כח פון דעם יחוד ה', האָבן זיי באַזיגט זייערע פיינט, העכער פון דרך הטבע. וועגן דעם ווערט דער יום טוב אָנגערופן "חנו כ"ה", אויפ'ן נאָמען פון די 25 אותיות אין פּסוק "שמע ישראל", ווייל דער גאַנצער נצחון אין דער מלחמה, איז געווען אין זכות פון די 25 אותיות.

**קומט** אויס, אַז דער מענטש וואָס גלייבט אין דעם אויבערשטען, איז נישט אונטערגעבויגן אונטער די טבע פון דער וועלט, נאָר דער אויבערשטער פירט איהם מיט אַ הנהגה פון נסים און וואונדערליכע השגחה פון הימל.

---

**ז.** עס שטייט אין מדרש חנוכה (מובא ברוקח, פירוש סידור התפלה) "מסרת גבורים יוונים ביד חלשים הם חשמונאים", דו האָסט איבערגעגעבן די שטאַרקע יוונים אין די הענט פון די חשמונאים, וואָס זענען געווען פיל שוואַכער. די פילע יוונים זענען געפאַלן אין די הענט פון די ווייניג חשמונאים. זאָגט רבי יצחק בר נחמני, דאָס זענען די 80 טויזנט סאָלדאַטן, וואָס זענען געקומען מיט גסקלגס (לויט איין גירסא: בגריס), (איין נוסח איז, אַז די יוונים האָבן געהאַט 10 מיליאָן און 800 טויזנט מיליטערלייט, און אַן אַנדערע גירסא פון רבי יצחק, אַז זיי האָבן געהאַט 600 מיליאָנען מענטשן!). האָט גסקלגס געלאַכט פון די חשמונאים, און געזאָגט: "שוטים, צו קענען אייערע 12 מענטשן מלחמה האַלטן מיט אַן אַרמיי וואָס האָט נישט אַ צאָל?"... אין יענע מינוט, האָבן די אידן אויפגעהויבן זייערע אויגן צום הימל מיט אַ תפלה צום באַשעפער. אין יענע צייט, האָט דער אויבערשטער אָנגעכאַפּט די 70 שרים פון די פעלקער, און זיי געשמיסן מיט אַ פייערדיגע רוט, און ער האָט געזאָגט צו יעדן איינעם פון זיי, ער זאָל אָנכאַפּן זיין פאָלק. אויב איינער וועט אַנטלויפן, וועט איר פאַרטיליגט ווערן אנשטאט איהם.

דערציילט דער מדרש ווייטער, אַז יעדער סאָלדאַט פון די אַרמיי פון די יוונים, וואָס האָט אַרויסגעשאָסן אַ פייל צו הרג'ענען ח"ו אַ איד, איז געקומען זיין מלאך און האָט איהם געשטאָכן אין האַרץ. ווען די חשמונאים האָבן געזעהן די ניסים, האָבן זיי געזאָגט, דער אויבערשטער וועט מלחמה האַלטן פאַר אונז. יעדער קעניג וואָס איז גע'הרג'עט געוואָרן פון די יוונים, זענען געקומען די מלאכי השרת און אַוועקגערויבט זיין געלט, און עס אַריינגעלייגט אין די אידישע הייזער. זיי האָבן נישט געקענט צוריקנעמען דעם רויב, צוליב די קרבנות וואָס זיי האָבן געליטן. אויף דעם זאָגן מיר, "רבת את ריבם וכו', מסרת גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים".

אויך אליפורני'ס אַרמיי, וואָס ער האָט צוזאַמענגעזאַמלט 120 טויזנט שטאַרקע מיליטערלייט און 22 טויזנט מענטשן מיט פיילן, און קעמלען וואָס האָבן געטראָגן שפּייז אָן אַ צאָל, און ער האָט איינגענומען אַלע גרויסע לענדער. ווען די אידן האָבן געהערט אַז אליפורני איז געקומען, זענען זיי געוואָרן שטאַרק דערציטערט, און האָבן אויסגעשריגן צום באַשעפער און זיך אונטערטעניגט פאַר איהם דורך פאַסטן און וויינען, זיי און זייערע פרויען און קינדער. די כהנים האָבן אָנגעטוהן זעק, און האָבן אויך אַרויפגעלייגט אַ זאַק אויף דעם מזבח. אויך די קינדער האָבן געפאַסט אין היכל פון דעם באַשעפער, און אַלע האָבן געשריגן צום באַשעפער מיט איין האַרץ, און דאָס גאַנצע פאָלק איז באַלד געפאַלן אויפ'ן פנים, און זיך געבוקט מיט אַ געוויין צו דעם אויבערשטען. באַלד זענען די אידן נאָכגעלאָפן זייערע פיינט, און גע'הרג'עט פון זיי גאַנצע מחנות, עכ"ל.

**דער** "צרור המור" פירט אויס: "וכן ראוי לנו לעשות בצרת הגלות, לייחד שם המיוחד, בענין שנצא מהצרות", און אַזוי איז אויך כדאי פאַר אונז צו טוהן אין דער צרה פון גלות, צו איינציגן דעם נאָמען פונעם באַשעפער, כדי מיר זאָלן קענען פּטור ווערן פון די צרות.

**אין** די טעג פון חנוכה, איז די צייט טיפער אַריינצוטראַכטן אין דעם ענין, ווייל אין די טעג האָט דער אויבערשטער אונטערטעניגט די רשעים אונטער די צדיקים. אויך דאָס קריגל אויל, וואָס איז געווען גענוג צו ברענען איין טאָג, האָט געברענט גאַנצע אַכט טעג. פון דעם לערנען מיר, אַז דער אויבערשטער ברוך הוא טוט אַלעס אויף דער וועלט. ביי דעם אויבערשטען, איז נישט קיין חילוק צווישן טבע און העכער טבע. יעדער וואָס גלייבט אין באַשעפער און וואַרפט אַרויף זיין גאַנץ פעקל אויף איהם, ווערט ביי איהם מקוים "אשרי שא-ל יעקב בעזרו".

### עד שתכלה רגל מן השוק - אַרבעטן אויף מער 'השתדלות' ברענגט נישט מער פרנסה

**מיר** לערנען אין דער סוגיא פון חנוכה (שבת כא:) "נר חנוכה מצוותה משתשקע החמה, עד שתכלה רגל מן השוק". די מצוה פון צינדן חנוכה לעכט, גייט אָן פון די צייט ווען די זון גייט אונטער ביז די מענטשן גייען מער נישט אויף די גאַס[ח].

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָבן די חז"ל געגעבן ביי הדלקת נרות חנוכה, אַן אַנדערן שיעור ווי ביי אַלע אַנדערע מצוות, אַז עס ווענדעט זיך אין די פיסגייער אויף די גאַס? פאַרוואָס האָבן זיי נישט געזאָגט אַז דער שיעור איז ביז אַ האַלבע שעה, אַזוי ווי אין אַנדערע ערטער ווי די חז"ל געבן ענליכע שיעורים?

**ענטפערט** הרה"ק רבי משה לייב סאַסוב'ער זי"ע (משנת הרמ"ל, סו"פ וישב) אַז די חז"ל האָבן געוואָלט מרמז זיין אויף די מענטשן וואָס דרייען זיך אין די גאַסן זוכנדיג פרנסה. דאַרפן זיי וויסן, אַז כאָטש עס איז דאָ אַ ציווי צו טוהן השתדלות, דאַרפן מיר זיך אָבער לערנען פון די ניסים וואָס האָבן פּאַסירט אין די טעג פון חנוכה, אַז אַ קריגל אויל וואָס האָט נאָר געהאַט גענוג צו ברענען איין טאָג, האָט פּאַסירט אַ נס און עס האָט געלויכטן אַכט טעג. זעהט מען דאָך קלאָר, אַז אַלעס ווענדעט זיך אין רצון פון דעם באַשעפער. ווען דער אויבערשטער וויל, שיקט ער זיין ברכה אויך אין אַ קליינגקייט. און דעריבער דאַרף מען פאַרשטיין, אַז נישט דאָס פאַרמערן צו האַנדלען ברענגט רייכטום[ט].

---

**ח.** מיר האָבן געזעהן אַ רמז (ספר "הלקח והליבוב"), אַז די חז"ל האָבן געזאָגט דאָס לשון "עד שתכלה רגל" מן השוק, און נישט "רגלים", לשון רבים, ווייל באמת קען דאָך דער מענטש נישט אינגאַנצן אויסמיידן צו גיין אויף די גאַס פאַר פרנסה און דאָס גלייכן. מ'פאַרלאַנגט אָבער פון מענטש, אַז כאָטש "איין פוס" זאָל זיך פאַרמיידן פון צו דרייען אויף די גאַס. דאָס הייסט, ער זאָל נישט גיין "מיט ביידע פיס" אויף דער גאַס... ער זאָל ווענדן זיין מחשבה צום באַשעפער, ענדליך ווי די חז"ל זאָגן (ביצה טו:) "חציו לה', וחציו לכם". דער מענטש זאָל נישט זיין אַריינגעטוהן אין זיין האַנדל און אַנדערע ענינים פון דער וועלט. זיין קביעות זאָל זיין אין בית המדרש.

**ט.** אין דער היינטיגער סדרה (מב, לא) לייענען מיר, "ואת הארץ תסחרו". זאָגט רש"י: "תסובבו, וכל לשון סוחרים וסחורה על שם שמסבבים וחוזרין אחר פרקמטיא", עכ"ל. דאָס וואָרט "סחורה" איז פון לשון "סחור סחור" - "אַרום און אַרום". דאַרף מען פאַרשטיין, דאָס גיין איז דאָך נאָר אַ מיטל צו פאַרדינען געלט. דער עיקר פון האַנדל איז דער מקח וממכר, קויפן און פאַרקויפן. אויב אַזוי, פאַרוואָס ווערן זיי אָנגערופן "סוחרים", אויף אַ זאַך וואָס איז נישט דער עיקר פון זייער מהות?

נאָר דאָ לערנען מיר אַ גרויסן יסוד. די עצם פרנסה ווענדט זיך אינגאַנצן נישט אין די אַקטיוויטעטן פון מענטש, נאָר לויט וויפיל מ'האָט אויסגערופן אין הימל ראש השנה. די גאַנצע אַרבעט פון די סוחרים איז נאָר צו " זיך דרייען" פון איין אָרט צום אַנדערן...

דאָס איז אויך מרומז אין דעם הייליגן אידישן מנהג, צו שפּילן "דריידל" אין חנוכה. דאָס ווייזט אונז, אַז קיין שום זאַך פּאַסירט נישט אויף דער וועלט אָן דעם אַז מ'זאָל דערויף אויסרופן אין הימל. פונקט ווי דער מענטש קען נישט באַשליסן אויב דער "דריידל" זאָל פאַלן ביי די זייט פון אות ה"א, אָדער ביי די זייט פון אות שי"ן. אפילו

**וועגן** דעם זאָגן די חז"ל, "עד שתכלה רגל מן השוק". דו זאָלסט אויפהערן זיך צו דרייען מיט "דיינע פיס" אויף די גאַסן, זוכנדיג פרנסה, ווייל אַלעס איז סיי-ווי פון דעם אויבערשטען. ווען ער וויל, קען ער שיקן די ברכה אויך אין אַ קליינע צאָל. פון דעם קען מען פאַרשטיין, אַז נישט דאָס האַנדלען אַ סאַך ברענגט רייכטום, און דערפאַר דאַרף מען זיך דרייען וואָס ווייניגער אויף די גאַסן זוכנדיג פרנסה, ווייל אַלעס איז פון דעם אויבערשטען.

**ווען** דער מענטש טוט צופיל השתדלות, ווייזט ער דערמיט אַז ער פאַרלאָזט זיך אויף זיינע אייגענע כוחות. אויב ער וואָלט געגלייבט מיט'ן גאַנצן האַרץ, אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס שפייזט די גאַנצע אויב מ'וועט דרייען מיט'ן גאַנצן כח, און מיט אַלע "נערוון", וועט גאָרנישט העלפן... די גאַנצע השתדלות וועט נאָר גורם זיין אַז עס זאָל זיך דרייען נאָך עטליכע מאָל, ביז עס וועט אָנקומען "אל המנוחה ואל הנחלה".

אַזוי זאָגן די בעלי מוסר, אויף די ווערטער פון מדרש (ב"ר פ"ב, ד) "וחושך על פני תהום", אַז דאָס גייט אַרויף אויף גלות יון, וואָס האָט פינצטער געמאַכט די אויגן פון אידישע קינדער מיט זייערע גזירות, און פלעגן זאָגן צו די אידן, "כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל", פאַרשרייבט פאַר זיך אויפ'ן האָרן פון דעם אָקס, אַז איר האָט נישט קיין חלק אין דעם באַשעפער פון די אידן.

זאָגן די בעלי המוסר, אַז אין יענע צייטן פלעגן מענטשן מאַכן פרנסה פון פעלד-אַרבעט, וואָס קומט פונעם "אָקס", ווייל מ'אַקערט דאָך מיט אַן אָקס אויפ'ן פעלד. מיט'ן אָקס, דרעשט מען אויך די תבואה וואָס וואַקסט אויפ'ן פעלד, און פון דעם ברענגט מען אַהיים די פרנסה. האָבן די אידן געזאָגט, אַז אויך דאָס וואָס דער אָקס טוט, איז פון דעם אויבערשטען. דאָס האָט נישט געשמעקט פאַר די יוונים, וועלכע האָבן געוואָלט אָפּרייסן די אידן פון זייער אמונה און התקשרות צום אויבערשטען, אין ענינים פון גשמיות און פרנסה, נאָר זיי זאָלן שטענדיג טראַכטן "כוחי ועוצם ידי". זיי האָבן געקענט באַשטיין אַז די אידן זאָלן זאָגן אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט, אָבער זיי זאָלן נישט זאָגן אַז אויך דאָס וואָס דער אָקס טוט, איז פון דעם אויבערשטען... די אידן האָבן אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון, און האָבן אויסגערופן אַז אויך דאָס איז "חלק באלקי ישראל" - דאָס קומט אויך פון דעם אויבערשטען. אויך ווען עס זעהט אויס פאַר'ן מענטש אַז זיין אַרבעט האָט איהם געבראַכט פרנסה און שפע, איז אָבער דער אמת, אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען. והא ראיה, אַ סאַך מענטשן האָבן געטוהן דאָס זעלבע ווי ער, און האָבן גאָרנישט פאַרדינט...

**י.** דער קאָברינער זי"ע האָט דערציילט ("תורת אבות", אמונה ובטחון, מו) אַז זיין רבי, הרה"ק רבי מרדכי לעכוויטשער זי"ע, האָט איהם באַפוילן צו בויען אַ הויז. איז ער געפאָרן קיין לעכוויטש צו פרעגן דעם רבי'ן ווי אַזוי צו בויען דאָס הויז. ער איז דאָרט געווען שבת, און האָט פאַרגעסן צו רעדן דערפון. נאָך דעם ווי דער קאָברינער האָט זיך געזעגנט פון לעכוויטשער און איז אַוועקגעפאָרן פון דאָרט, האָט ער זיך דערמאַנט פון דעם גאַנצן ענין, און האָט געשיקט אַ שליח צו רעדן מיט'ן רבי'ן וועגן דעם הויז. האָט דער לעכוויטשער געזאָגט צו דעם שליח, אַז ער זאָל זאָגן פאַר'ן קאָברינער, "אויב דו וועסט בויען אויף דער ערד, וועט עס האָבן אַ קיום, אָבער אויב דו וועסט בויען אויפ'ן קאָפּ, וועט דאָס הויז נישט האָבן אַ קיום" (ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז דער "קאָפּ" זאָל נישט זיין אַריינגעטוהן אינגאַנצן אין בויען דאָס הויז).

און דער קאָברינער האָט אויסגעפירט: "אַזוי איז טאַקע געווען, יעדע זאַך וואָס איך האָב געקענט טוהן נאָכ'ן דאַווענען, האָב איך נישט געטוהן פאַר'ן דאַווענען, און דאָס וואָס איך האָב געקענט טוהן עטליכע שעה שפּעטער, האָב איך זיך נישט געאיילט עס צו טוהן פריער. און עס איז אַ מצוה צו דערציילן פאַר די בעלי בתים ווי ווייט איך האָב געזעהן אין דעם סייעתא דשמיא".

לענינינו, מיר דאַרפן זיך לערנען דערפון נישט צו יאָגן זיך צו טוהן צופיל השתדלות, אַפילו מיט אַ משהו, ווייל דער מענטש וואָס טוט צופיל השתדלות, איז אַזוי ווי יענער נאַרישער מענטש וואָס שטייט אויפ'ן שפיץ באַרג מיט אַ פעסל אין האַנט, און ער וויל עס אַראָפּפירן פון באַרג. ער טראָגט דאָס פעסל מיט זיינע לעצטע כוחות ביז צו צעברעכן אַלע זיינע ביינער - צו איז דען דאָ אַ גרעסערער נאַר ווי ער? יעדער בר דעת פאַרשטייט דאָך, אַז ער דאַרף נישט מער ווי אַביסל צושטופּן דאָס פעסל, און עס וועט זיך אַליין אַראָפּקאָלערן פון באַרג. דאָס זעלבע איז

וועלט, און אַלעס וואָס איז פאַרשריבן פון הימל פאַר'ן מענטש, וועט ער באַקומען, אָפּגעזעהן דערפון צו ער מאַכט יאָ אָדער נישט השתדלות, וואָלט ער דאָך זיכער נישט אַרומגעלאָפן טאָג און נאַכט איבער די גאַסן צו זוכן פרנסה... און כאָטש השתדלות איז אַ "מצוה", ווי דער פסוק זאָגט (דברים טו, יח) "וברכך ה' אלקיך בכל אשר תעשה" (זעה אויך תנא דבי אליהו רבה, יד, ב), פונדעסטוועגן, טאָר מען נישט טוהן צופיל השתדלות, כדי נישט עובר צו זיין אויף דעם לאו פון "בל תוסיף" (ווי איינער וואָס נעמט פינף מינים צו שאָקלען לולב, אָדער פינף ציצית פאַר זיין טלית)[יא]...

**מאת ה' היתה זאת - די סגולות פון דעם טאָג "זאת חנוכה"**

**עס** שטייט אין ספה"ק "בני יששכר" (כסלו-טבת מאמר ב י) "מרגלא בפומייהו דרבנן, רבותינו כת הקודמים", די חכמים, אונזערע פריערדיגע רבי'ס, פלעגן זאָגן, "אשר

---

מיט די פרנסה פונעם מענטש, דאָס וואָס עס איז באַשערט פאַר'ן מענטש, וועט זיך ממילא "אַראָפּקאָלערן" פון הימל און עס וועט דערגרייכן זיין טיר, סיי אויב ער וועט זיך פלאָגן דערפאַר, סיי אויב נישט. זיין גאַנצע השתדלות איז נאָר כדי יוצא צו זיין דעם חיוב פון השתדלות.

דער מענטש וואָס פאַרזיכערט זיך אויפ'ן אויבערשטען, לעבט שטענדיג מיט אַ שלוות הנפש, און אויך ווען ער איז מקיים די "מצוה פון השתדלות", טוט ער עס מיט ישוב הדעת, ווייל ער ווייסט אַז די גאַנצע השתדלות איז נאָר ווייל דער אויבערשטער האָט געהייסן טוהן השתדלות. ער נאַרט זיך נישט צו טראַכטן אַז לויט וויפיל השתדלות ער מאַכט, אַזוי פיל געלט פאַרדינט ער.

מיר געפינען אין דער היינטיגער סדרה (מג, יא) אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געשיקט מיט זיינע קינדער די שבטים, צו געבן פאַר'ן משנה למלך אין מצרים, "מעט צרי ומעט דבש, נכאת ולט, בטנים ושקדים". איז שוועה, אויב יעקב האָט געוואָלט געפינען חן אין די אויגן פונעם משנה למלך, פאַרוואָס האָט ער איהם נאָר געשיקט אַביסל, "מעט" צרי, "ומעט" דבש, און אַזוי אויך די ניסן, "בטנים ושקדים"?

ענטפערט דער "נתיבות שלום" (בראשית, ע' רסא) אַז יעקב אבינו ע"ה האָט נאָר געזוכט יוצא צו זיין דעם חיוב צו טוהן השתדלות, און וועגן דעם האָט ער זיך באַגנוגנט מיט שיקן אַ קליינע מתנה, "מעט צרי ומעט דבש". דעם עיקר כח, האָט ער אַריינגעלייגט אין תפלה, ווי דער פסוק זאָגט ווייטער (פסוק יד) "וא-ל ש-ד-י יתן לכם רחמים לפני האיש".

נאָך מער: צופיל השתדלות, איז אָפט מאָל גורם צו פאַרקלענערן די שפע ח"ו, ווי דער ווילנער גאון זצ"ל זאָגט אויף די ווערטער פון די חז"ל (עירובין יג:) "המחזר אחר הגדולה, הגדולה בורחת הימנו", דער מענטש וואָס לויפט נאָך גרויסקייט, אַנטלויפט די גרויסקייט פון איהם. זאָגט דער גאון, אַז דאָס איז נישט נאָר ביי גרויסקייט און ביי כבוד, נאָר יעדע גשמיות'דיגע זאַך וואָס דער מענטש לויפט נאָך, לויפט עס אַוועק פון איהם. צום ביישפיל, אויב דער מענטש לויפט נאָך געלט, אַנטלויפט דאָס געלט פון איהם. ער זאָגט אַ רמז דערויף, אַז די אותיות ביפאַר "כסף" זענען "עני" (יו"ד פאַר כ"ף, נו"ן פאַר סמ"ך, עי"ן פאַר פ"א). דאָס איז דערפאַר ווייל דער מענטש וואָס לויפט נאָך געלט - "כסף" - בלייבט "אונטער'ן" כס"ף, וואָס איז אותיות "עני", און "מדה טובה מרובה", דער מענטש וואָס לויפט קיינמאָל נישט נאָכ'ן געלט, באַקומט פון הימל אַ גרויסע שפע.

**יא.** אַזוי ווערט געברענגט אין ספר "משחת שמן" (בראשית, מאמרים לפ' ויצא, ע' רסו) אין נאָמען פון בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע, אויף די ווערטער פון די משנה (אבות פ"ה, מ"ה) "עומדים צפופים ומשתחווים רווחים". "עומדים" - אויב דער מענטש "שטייט" אויף זיך, ער גלייבט נישט אין דעם אויבערשטען, אַז ער איז דער באַשעפער וואָס פירט די גאַנצע וועלט. עס דאַכט זיך פאַר'ן מענטש אַז זיין "שטיין" איז מיט זיין אייגענעם כוח, אַזאַ איינער איז "צפופים" עס איז איהם ענג ח"ו אין זיין פרנסה, און אין אַלע אַנדערע ענינים. "משתחווים" - דער מענטש וואָס "בוקט" זיך און איז אונטערטעניג צום אויבערשטען, וויסנדיג אַז דער אויבערשטער פירט אַלעס, "רווחים" - בענטשט איהם דער אויבערשטער מיט הרחבת הדעת, און מיט "הרחבה" אין זיין טאַש...

עס ווערט געברענגט אין ספר "בית קלם" (ח"ב ע' טו) אַז הגה"צ רבי נחום זאב זצ"ל, זון פון דעם "אַלטן" פון קעלם, האָט געשריבן אין זיין צוואה: "שום שבחים אל יגידו אחרי", מ'זאָל נישט זאָגן אויף מיר קיין שבחים. איר קענט נאָר זאָגן אַז ער (רבי נחום זאב) האָט ליב געהאַט צו טראַכטן וועגן אמונה.

בחנוכה יש מקום לעורר פקידת עקרים ועקרות, כעין ראש השנה", אַז אין חנוכה איז דאָ אַן אָרט מעורר צו זיין אַ ישועה פאַר עקרים און עקרות, געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, אַזוי ווי אין ראש השנה.

**זאָגט** דער "בני יששכר", אַז לויט זיין מיינונג, איז דער הויפט זמן וואָס איז מסוגל געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, אין אַכטן טאָג פון חנוכה, וואָס ווערט גערופן "זאת חנוכה". דער דאָזיגער טאָג איז בכח צו העלפן עקרות[יב].

**דער** טאָג פון זאת חנוכה איז אויך מסוגל אויף פרנסה בריווח[יג], ווי עס שטייט אין ספה"ק "אמרי נועם" (זאת חנוכה, אות א') אַ רמז אין פסוק (דה"י א, כט, יא) "לך ה' הגדולה", גייט אויפ'ן ערשטן טאָג חנוכה. "והגבורה" - דער צווייטער טאָג חנוכה. "והתפארת" - דער דריטער טאָג חנוכה. "והנצח" - דער פערטער טאָג חנוכה. "וההוד" - דער פינפטער טאָג חנוכה. "כי כל בשמים ובארץ" - דער זעקסטער טאָג חנוכה. "והמתנשא לכל לראש" - דער זיבעטער טאָג חנוכה. "והעושר והכבוד" - זאת חנוכה, אַז אין דעם טאָג איז מען זוכה צו אַ גרויסע שפע פון פרנסה און עשירות[יד].

**באמת**, זענען אויך די אַנדערע טעג פון חנוכה מסוגל אויף עשירות, ווי דער "ערוגת הבושם" שרייבט (פ' וינש) אַ רמז אין פסוק (בראשית מה, ה) "כי למחיה שלחני אלקים לפניכם", שלחנ"י ראשי תיבות ל'הדליק נ'ר ש'ל ח'נוכה ש'מונת י'מים, אַז אויב מ'צינדט חנוכה לעכט אַלע אַכט טעג, איז מען זוכה "למחיה" - צו פרנסה בריווח, אבער זאת חנוכה, איז נאָך מער מסוגל דערצו.

**עס** איז באַקאַנט פון די מקובלים, אַז יעדן טאָג פון די חנוכה-טעג ווערט נתעורר אַן אַנדערע מדה פון די מדות פונעם באַשעפער ברוך הוא, וואָס מיר זאָגן אין די ברכה פון "יוצר אור" (תפלת שחרית), "פועל גבורות, עושה חדשות, בעל מלחמות, זורע צדקות, מצמיח ישועות, בורא רפואות, נורא תהלות, אדון הנפלאות". יעדן טאָג פון חנוכה, איז דאָ אַן אַנדערע שפע, לויט'ן סדר וואָס ווערט דאָרט אויסגערעכנט. קומט אויס, אַז זאת חנוכה ווערט נשפע די מדה פון "אדון הנפלאות", דאָס מיינט, אַז די הנהגה פון נסים און וואונדער ווערט פאַרוואַנדלט אין "טבע", אין דעם טאָג פון זאת חנוכה[טו].

---

**יב.** אַ סאַך צדיקים, צווישן זיי דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע, האָבן זיך געפירט נאָכצוזאָגן די ווערטער פונעם "בני יששכר" ביים "טיש" זאת חנוכה.

דער ספינקער רבי, הרה"ק בעל "חקל יצחק" זי"ע הי"ד, האָט נאָכגעזאָגט אַז זיין פאָטער, הרה"ק בעל "אמרי יוסף" זי"ע, האָט אַ סאַך יאָרן נאָך די חתונה געוואַרט אויף קינדער. איינמאָל זאת חנוכה האָט ער זיך מזכיר געווען פאַר'ן צאַנזער רב, הרה"ק בעל "דברי חיים" זי"ע, און צו 9 חדשים, איז געבוירן געוואָרן אַ בן זכר (דאָס איז געווען דער "חקל יצחק" זצ"ל).

**יג.** אַ איד האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר דעם גאון בעל "חזון איש" זצ"ל, איבער זיין ענגען מצב אין פרנסה, און ער האָט צוגעגעבן, אַז בלויז מיט אַ גרויסן נס, וועט ער קענען צאָלן זיינע חובות און צוריקגיין צו אַ נאָרמאַל לעבן, און "לאו בכל יומא מתרחיש ניסא" - נישט יעדן טאָג פאַסירט אַ נס... האָט דער "חזון איש" איהם פאַראָכטן זיינע ווערטער און געזאָגט:

- "לאו", ס'איז נישט ריכטיג וואָס דו זאָגסט, ווייל באמת "בכל יומא מתרחש ניסא", יעדן טאָג פאַסירט אַ נס... דער מענטש קען יעדן טאָג זוכה זיין צו אַ נס!...

אין דעם טאָג פון זאת חנוכה, זענען דאָ ביידע מעלות, ערשטנס, אַז מ'קען זוכה זיין צו ניסים בכל הענינים, און נאָך מער, אין דעם טאָג איז בכלל נישט דאָ קיין "טבע" אויף דער וועלט. אַלע ענינים פון דער וועלט פירן זיך דעמאָלס למעלה מדרך הטבע, ממילא, איז דער נס גופא דעמאָלס דער "דרך הטבע".

**יד.** לויט ווי פריער דערמאַנט, אַז דער טאָג זאת חנוכה איז מסוגל אויך אויף קינדער, זאָגט דער "אמרי נועם" (סוף יום ז' דחנוכה), אַז "בנים פרנסה" באַטרעפט די צאָל 497, אַזוי ווי "זאת חנוכה", אונז צו לערנען אַז דער זמן איז גורם צו פועל'ן "בני" (קינדער) און "מזוני" (פרנסה).

**טו.** צענדליגער יאָרן צוריק, האָט פאַסירט א מעשה נורא, אין דער ישיבה פון הגאון רבי חיים יצחק חייקין זצ"ל (פון די תלמידים פון "חפץ חיים" זצ"ל), אין שטאָט עקס-לע-בען, פראַנקרייך, אַז איינער פון די תלמידים איז ליידער

אַזוי האָט הרה"ק מהר"ש (הראשון) מבאבוב זי"ע געטייטשט דעם פסוק (תהלים קיח, כג) "מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו". דער אַכטער טאָג ("זאת" חנוכה) איז אָנגעגרייט צו קענען פועל'ן דעמאָלטס זאַכן וואָס זענען אין דער בחינה פון "נפלאת בעינינו", ווי די צדיקים האָבן געזאָגט, אַז אין דעם טאָג פון זאת חנוכה, קען מען אָנטאַפּן מיט די הענט די ניסים'דיגע הנהגה וואָס ווערט נשפע פון הימל.

אויך שטייט אין ספה"ק "חסד לאברהם" (להרה"ק רבי אברהם ישכר מראדאמסק זי"ע, בנו של הרה"ק בעל "תפארת שלמה" זי"ע), אַז דער טאָג פון זאת חנוכה איז מסוגל אויף די גאולה שלימה, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר ז, פד) "זאת חנוכת המזבח ביום המשח אותו". דאָס וואָרט "המשח", איז פון לשון "משיח" בן דוד, אַ רמז אַז דער זמן איז מסוגל צוצואיילן די גאולה, אמן[טז].

**בזאת אני בוטח - אין דעם טאָג קען יעדער פויעלן ישועות למעלה מדרך הטבע**

דער הייליגער רוזינער זי"ע האָט געזאָגט ("עירין קדישין" השלם) אַז דאָס וואָס צדיקים פועל'ן אין ראש השנה און יום כיפור, קען יעדער פשוט'ער איד פועל'ן אין דעם טאָג פון זאת חנוכה[יז].

---

געוואָרן שטאַרק נישט געזונט מיט אַ געוויקס אין האַלדז רח"ל. אַלע פּראָפעסאָרן וואָס האָבן איהם אונטערזוכט, האָבן געזאָגט אַז ער איז אין אַ סכנה רח"ל, און די איינציגע עצה איז צו אָפּערירן וואָס פריער כדי אַרויסצונעמען דעם געוויקס. פון דער צווייטער זייט, האָבן זיי געזאָגט אַז אויך די אָפּעראַציע איז פאַרבונדן מיט סכנת נפשות, ווייל אויב מ'וועט אַרויסנעמען אַפילו אַ האָר מער ווי נויטיג, אָדער אויב דאָס אָפּעראַציע מעסער רירט עפּעס קען עס שאַטן פאַר'ן לעבן פונעם פּאַציענט ח"ו. אפי' די גאָר גרויסער פּראָפעסאָר אין פּאַריז, וועלכער האָט איינגעשטימט אַז מ'מוז אָפּערירן דעם בחור, האָט מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך די אחריות אויפ'ן לעבן פונעם בחור.

זענען די נאָנטע ידידים פונעם בחור געגאַנגען צו הרה"ק רבי איציקל פשעוואָרסקער זי"ע, וועלכער האָט דעמאָלס געוואוינט אין פּאַריז, און געפרעגט וואָס צו טוהן. שטייענדיג דעמאָלס אַרום דריי וואָכן נאָך חנוכה, האָט הרה"ק רבי איציקל געזאָגט, אַז ער האָט נאָך ביי זיך די קנויטן פון די חנוכה-לעכט וואָס ער האָט ערשט געצונדן, און ער האָט זיי געגעבן פון די קנויטן, אַז דער בחור זאָל עס לייגן אויפ'ן אָרט פונעם געוויקס רח"ל, און ער זאָל זיך פאַרשפּאַרן דריי טעג, נישט אַרויסגיין אויף דער גאַס.

מ'האָט אַזוי געטוהן, און ווען דער בחור איז שפּעטער צוריקגעגאַנגען צום פּראָפעסאָר, האָט דער דאָקטאָר גענומען נאָך אַן "עקסרעי", וואָס האָט געוויזן, אַז "אין זכר למו"... אין זיין קערפּער איז מער נישט געווען אַפילו אַ צייכן פונעם געוויקס. דער פּראָפעסאָר האָט געפרעגט ווער ס'איז דער דאָקטאָר וואָס האָט איהם אָפּערירט, ער איז דאָך אַ "יחיד מומחה" אויף זיין געביט, אַז ער האָט געקענט אַרויסנעמען אַלעס מיט אַזאַ פּונקטליכקייט...

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז צו פועל'ן אַזעלכע "מופתים" מיט די חנוכה-קנויטן נאָך חנוכה, דאַרף מען האָבן אַזאַ "איש אלקים" ווי ס'איז געווען הרה"ק רבי איציקל פשעוואָרסקער זי"ע, אָבער על כל פנים פון דעם זעהען מיר, אַז חנוכה איז מסוגל איבערצודרייען אַלע מערכות פון די טבע, ווי דער הייליגער רוזינער זי"ע האָט געזאָגט, אַז אַפילו אַ פשוט'ער מענטש איז ווי דער צדיק הדור.

**טז.** אַנדערע זאָגן אַ רמז, אַז די ווערטער מ'דליקין ש'מונת י'מי ח'נוכה, ראשי תיבות משי"ח, ווייל אין חנוכה שפּראָצט אויף דער אור פון משיח צדקינו. ("זרע קודש", ליל א' דחנוכה, ד"ה "וכן").

**יז.** דער "בית אהרן" (דף מה: ד"ה "לזאת חנוכה"), ברענגט, אַז זיין פאָטער, הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע, האָט אַמאָל זאת חנוכה באַפוילן די חסידים צו זינגען "הדרן עלך מסכת חנוכה, והדרך עלן מסכת חנוכה". דאָס מיינט, אַז מיר האָבן זוכה געווען מקיים צו זיין די ווערטער פון די חז"ל אין חנוכה, און וועגן דעם בעטן מיר "הדרך עלן", אַז דער אור זאָל צוריקקומען און משפיע זיין און שיינען אויף אונז ("הדרן" קען אויך זיין טייטש צוריקקומען, ווי מיר געפינען אין ש"ס (עירובין נב.) "הדרי בי"), אַז די אורות פון חנוכה זאָלן זיך דערקענען אויף אונז אין משך פון גאַנצן יאָר.

דאָס קומט אָבער מיט אַ "תנאי קודם למעשה", אַז מ'זאָל האָבן אַן אמת'דיגע שייכות צום הייליגן טאָג.

מ'דערציילט, אַז דער חסיד רבי שמואל מונקעס זצ"ל האָט אַמאָל געוואָלט פאָרן צו זיין רבי'ן, דעם הייליגן בעל התניא זי"ע, אָבער ער האָט נישט געהאַט גענוג געלט צו צאָלן פאַר אַ בעל עגלה וואָס זאָל איהם פירן קיין ליאַדי. איז ער אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן שטאָטישן מאַרק, צו זעהן אויב עס געפינט זיך דאָרט אַ סוחר וואָס פאָרט סיי-ווי

די ספרים זאָגן, אַז אין דעם טאָג דאַרף מען אפילו נישט "ברענגען" די ניסים און נפלאות, נאָר זיי זענען צוגעגריט פון הימל, און דעריבער איז געגנוג אַז אפילו אַ פּשוט'ער איד זאָל מתפלל זיין דערויף, און ער קען עס אויספירן מן הכח אל הפועל.

**עס** איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער מהר"ל (נר מצוה, ח"ב) אַז די הנהגה פון דער וועלט אין חנוכה איז העכער פון דרך הטבע, ווייל ביי די הנהגה פון טבע געפינען מיר נאָר די צאָל זיבן, אַזוי ווי די זיבן טעג פון דער וואָך, און יעדע זאַך וואָס איז העכער פון דער צאָל זיבן, איז למעלה מדרך הטבע. און וויבאַלד חנוכה איז די צאָל "אַכט", קומט אויס אַז די גאַנצע השפעה פון חנוכה איז ניסים ונפלאות למעלה מדרך הטבע. לויט דעם קען מען זאָגן, אַז "זאת חנוכה", דער אַכטער טאָג פון חנוכה, איז גאָר הויך, ווייל עס איז דאָך "העכער" פון זיבן, און עס איז אַ בחינה פון "שמינית שבשמינית", וואָס ווייזט אויף אַ דאָפּלטע הנהגה למעלה מן הטבע.

**דער** "שפת אמת" שרייבט, אַז זאת חנוכה איז אַזוי ווי שמיני עצרת, ווייל די חז"ל זאָגן (מובא ברש"י ויקרא כג, לו) אַז שמיני עצרת ווערט אנגערופן "עצרת", ווייל דער אויבערשטער וויל אַז די אידן זאָלן זיך אויפהאַלטן ביי איהם, אַזוי ווי אַ קעניג וואָס האָט איינגעלאַדנט זיינע קינדער צו אַ סעודה, אויף עטליכע טעג. ווען עס איז געקומען די צייט פאַר זיי זיך צו געזעגענען, האָט דער קעניג זיי געשיקט זאגן, "מיינע קינדער, איך בעט פון אייך, איר זאָלט זיך אויפהאַלטן מיט מיר נאָך אַ טאָג, ווייל ס'איז שווער פאַר מיר זיך צו געזעגענען פון אייך".

---

אין דער אומגעגנט פון ליאַדי, אַז ער זאָל זיך קענען מיט-כאַפּן מיט איהם אין די נסיעה. ער האָט טאַקע געטראָפן אַזאַ סוחר, וואָס האָט געפירט אַ גרויסן וואָגן מיט אַ סאַך פעסער בראָנפען צו אַ שטאָט נישט ווייט פון ליאַדי. דער סוחר האָט זיך אָבער פאַרענטפערט פאַר איהם, אַז ער האָט נישט קיין פלאַץ פאַר איהם אויפ'ן וואָגן, נאָר אונטער'ן וואָגן, נעבן די פעסער בראָנפען.

דער גרויסער חסיד רבי שמואל האָט זיך נישט געקימערט וואו ער וועט זיצן אויפ'ן וואָגן, אַבי ער קען פאָרן צו זיין הייליגן רבי'ן קיין ליאַדי. למעשה, אָבער, וויבאַלד ער איז געזעסן אין אַן אָפענעם אָרט, איז איהם געווען זייער קאַלט, און ער האָט יעדע מינוט געשפירט ווי ער גייט אויס חלילה פון קעלט. ווען דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ מינוט, איז רבי שמואל אַריינגעקומען צום סוחר אינעווייניג אין וואָגן, און געבעטן רשות צו טרינקען אַביסל בראָנפען, כדי אָנצוואַרימען זיינע קאַלטע ביינער און גלידער. דער סוחר האָט איינגעשטימט, און רבי שמואל האָט זיך טאַקע דערכאַפּט דאָס חיות מיט אַביסל בראָנפען.

אָנקומענדיג קיין ליאַדי, איז רבי שמואל אַריינגעגאַנגען צום אַלטן רבי'ן, דער בעל התניא זי"ע, געגעבן "שלום עליכם" און זיך באַלד געזעגנט פונעם רבי'ן... האָט דער בעל התניא זיך געוואונדערט דערויף וואָס רבי שמואל נעמט שלום און געזעגנט זיך תיכף. האָט רבי שמואל געזאָגט פאַר'ן בעל התניא, אַז ער קומט דאָך צום רבי'ן כדי צו לערנען פון איהם אַ דרך אין עבודת ה', אָבער יעצט האָט ער שוין געלערנט אויפ'ן וועג וואס עס איז איהם נויטיג. און רבי שמואל האט מסביר געווען זיינע ווערטער, אַז זינצדיג אַרומגענומען מיט אַ סאַך פעסלעך בראָנפען, און פונדעסטוועגן איז איהם געווען אַזוי קאַלט, אבער נאָך דעם ווי ער האָט געעפענט די פעסלעך און אַביסל פאַרזוכט פונעם בראָנפען, אַריינעמענדיג עס "אינעווייניג", איז ער געוואָרן דערוואַרימט. האָט ער זיך געלערנט דערפון, אַז דער מענטש קען זיך געפינען אין די געהויבנסטע זמנים, און ער קען זיין ביי די גרעסטע צדיקי הדור, אָבער אויב ער וועט נישט אַליין האָרעווען, וועט ער נישט אַריינעמען דעם אור אינעם פנימיות פון זיין האַרץ. דעריבער וויל ער יעצט אַהיים פאָרן כדי צו אַרבעטן אויף דעם לימוד, און אַ צייט שפּעטער וועט ער צוריקקומען צו לערנען פונעם רבי'ן אַנדערע נויטיגע לימודים אין עבודת ה'.

לענינינו קען מען זאָגן, אַז מ'לערנט פון די מעשה, אַז עס קענען אַדורכגיין אויפ'ן מענטש אַלע טעג פון חנוכה, און ער איז נאָך אַלץ "פאַרפרוירן" רחמנא ליצלן. אויב ער קריצט נישט איין דעם לימוד אין זיין האַרץ, וועט ער זיך קיינמאָל נישט קענען דערהייבן. וועגן דעם דאַרף מען זיך צוגרייטן באַצייטנס, און אין לויף פון די אַכט חנוכה-טעג, זאָל ער "איינטרינקען" אין זיך אַלע ענינים פון דעם יום טוב, און אַזוי וועט ער זיך קענען אָנוואַרימען מיט אַ התלהבות דקדושה.

**זאָגט** דער "שפת אמת", אַז די תורה האָט געשטעלט (אין פרשת אמור) די פרשה פון יום טוב סוכות נעבן דעם ציווי פון הדלקת המנורה. באַלד נאָך די פרשה פון סוכות, זאָגט דער פסוק (ויקרא כג, ב) "ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור" וגו', און דער רוקח זאָגט אַ רמז (ריש הלכות חנוכה), אַז דערפאַר האָט מען באַשטימט חנוכה אַכט טעג, אַזוי ווי דער יום טוב סוכות האָט אַכט טעג.

**פון** דעם קומט אויס, אַז זאת חנוכה - דער אַכטער טאָג פון חנוכה - איז קעגן שמיני עצרת - דער אַכטער טאָג פון סוכות, און אויב דער זוהר הקדוש זאָגט (ח"ג לב.) וועגן דעם יום טוב פון שמיני עצרת, "ובההוא חדוותא לא משתכחי במלכא אלא ישראל בלחודוהי", אין די פרייד (פון שמיני עצרת און שמחת תורה) געפינען זיך ביים קעניג נאָר די אידן, "ומאן דיתיב עם מלכא, ונטל ליה בלחודיה, כל מה דבעי שאיל ויהיב ליה", און דער וואָס זיצט מיט'ן קעניג אַליין, קען בעטן און באַקומט אַלעס וואָס ער פאַרלאַנגט פון איהם, קען מען לויט דעם, זאָגן די זעלבע ווערטער אויך וועגן זאת חנוכה: "כל מה דבעי, שאיל ויהיב ליה", אַלעס וואָס אַ איד פאַרלאַנגט, קען ער בעטן ביי דעם אויבערשטען, און ער וועט עס איהם געבן[יח].

**צדיקים** האָבן געזאָגט, אַז זאת חנוכה איז הייליג אַזוי ווי יום כיפור, ווייל דער ווילנער גאון זצ"ל זאָגט (בפירושו על תיקוני זוהר) אַז די חז"ל האָבן קובע געווען צו זאָגן גאַנץ הלל אין די אַכט טעג פון חנוכה, אַנטקעגן די אַכט טעג פונעם יאָר וואָס מ'וואָלט געדאַרפט זאָגן גאַנץ הלל און מ'זאָגט נאָר האַלב הלל, און די אַכט טעג פון חנוכה זענען משלים פאַר יענע אַכט טעג. די אַכט טעג ווען מיר זאָגן האַלב הלל, זענען: די זעקס טעג פון פסח, וואָס מ'ענדיגט נישט הלל (באמת וואָלט מען פסח, יאָ געדאַרפט זאָגן גאַנץ הלל, נאָר שביעי של פסח זאָגט מען דאָך נישט, ווייל דער אויבערשטער האָט געזאָגט "מעשי ידי טובעין בים, ואתם אומרים שירה" (מגילה י:), דעריבער זאָגט מען נישט אויך חול המועד - משנה ברורה סי' ת"צ סק"ז). אויך ראש השנה און יום כיפור זאָגט מען נישט הלל, ווי די חז"ל זאָגן (ר"ה לב:) "אפשר מלך יושב על כסא דין, וספרי חיים וספרי מתים פתוחין לפניו, וישראל אומרים שירה", איז דען מעגליך אַז דער גרויסער קעניג - דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא - זיצט אויפ'ן שטוהל פון מדת הדין (צו משפט'ן די וועלט) און די אידן זאָלן זאָגן שירה? איז משמע פון דעם, אַז ווען נישט דער טעם פון "ספרי חיים" וכו' וואָלט מען געדאַרפט זאָגן גאַנץ הלל אין ראש השנה און יום כיפור. קומט אויס, אַז די ערשטע זעקס טעג פון חנוכה ווען מיר זאָגן גאַנץ הלל, זענען אַ "השלמה" פאַר די זעקס טעג פון פסח וואָס מיר זאָגן נאָר האַלב הלל, דער זיבעטער טאָג פון חנוכה איז אַ "השלמה" פאַר ראש השנה ווען מיר זאָגן נישט הלל, און זאת חנוכה איז אַ "השלמה" פאַר יום כיפור וואָס אויך דעמאָלטס זאָגט מען נישט הלל. זעהען מיר דאָך קלאָר פון דעם, אַז זאת חנוכה איז אַנטקעגן יום כיפור.

**די** דאָזיגע מתנה ווייזט אויף די גרויסע ליבשאַפט וואָס דער אויבערשטער האָט פאַר אידישע קינדער, ווי דער "ישמח ישראל" זאָגט (חנוכה, אות נג) אַז רמז אויפ'ן פסוק (תהלים מא, יב) "בזאת ידעתי כי חפצת בי, כי לא יריע אויבי עלי", מיט דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן "זאת" חנוכה, דערקענט זיך די גרויסע ליבשאַפט און דעם "חפץ" און חשק וואָס ער האָט פאַר אידישע קינדער, ממילא, דאַרפן מיר ריכטיג אויסנוצן דעם הייליגן טאָג, כדי אַז "לא יריע אויבי עלי", ח"ו, בימים ההם בזמן הזה.

---

**יח.** לויט דעם, קען מען אויך פאַרענטפערן די קשיא פונעם "בית יוסף" (סי' עת"ר) פאַרוואָס האָבן די חז"ל באַשטימט אַכט טעג חנוכה, עס איז דאָך געווען אינעם קריגל גענוג אויל אויף איין נאַכט? נאָר באמת מצד הדין, וואָלט מען טאַקע געדאַרפט באַשטימען נאָר זיבן טעג, ווייל דער נס איז געווען נאָר זיבן טעג, נאָר דער אויבערשטער בעט ביי אידישע קינדער זיי זאָלן זיך אויפהאַלטן מיט איהם נאָך אַ טאָג, דער טאָג פון זאת חנוכה, ווען דער אויבערשטער כביכול איז זיך מתייחד מיט די אידן מיט אַ גאָר געהויבענעם יחוד. אין דעם טאָג, טאָרן די מקטרגים און משטינים זיך נישט געפינען דאָרט וואו דער אויבערשטער איז זיך מתייחד מיט די אידן, און אַזוי, ערפילט דער אויבערשטער אַלע אונזערע בקשות, לטובה ולברכה, אמן.

**מ'דאַרף** אָבער געדענקען וואָס צדיקים האָבן געזאָגט, אַז פון איין זייט, זאָגט מען מיט התפעלות "זאת חנוכה", דאָס הייסט, מ'קען שפירן און זעהן די נסים און נפלאות וואָס ווערן נשפע אין דעם טאָג, ווייל ער איז דאָך דער עיקר פון חנוכה, אָבער פון דער צווייטער זייט, דאַרף מען אויך זאָגן "בניחותא", די צוויי ווערטער, "זאת חנוכה", און נישט מער... די טעג גייען שוין פאַרביי, און מ'דאַרף זעהן "אַריינצוכאַפּן", אַז מ'זאָל שפּעטער חלילה נישט דאַרפן חרטה האָבן אַז מ'האָט נישט אויסגענוצט דעם טאָג ווי עס דאַרף צו זיין[יט].

**עס** איז אויך מסוגל אין דעם טאָג צו זאָגן תהלים, און זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער אַז מ'זאָל זוכה זיין אַרויסצוגיין פון אַלע ענגשאַפטן בגשמיות וברוחניות[כ], ווייל אין דעם טאָג, ווען דער באַשעפער איז משפיע אויף אונז אַלע גוטע השפעות, דאַרפן מיר נאָר עפענען ברייט אונזער מויל, "הרחב פיך ואמלאהו", צו בעטן פונעם בעל הרחמים, און ער וועט אַוודאי ערפילן אונזערע בקשות[כא].

**לשנה האחרת - מיטנעמען די השפעות אויף אַגאַנץ יאָר**

**מיר** האָבן שוין נאָכגעזאָגט פון צדיקים, "לשנה האחרת", דאָס קומענדיגע יאָר האָבן די חכמים געזעהן אַז עס איז געווען אַן "אַנדער יאָר", אַדאַנק די השפעות פון חנוכה, און דעריבער האָבן זיי עס באַשטימט אַלס טעג פון הלל והודאה.

**אין** טייל פלעצער האָט מען זיך געפירט, מאריך צו זיין זאת חנוכה ביים זינגען די מזמורים, כדי עס זאָל בלייבן אַ רושמא אויפ'ן גאַנצן יאָר[כב].

**יט.** הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגאַר זצ"ל, גאב"ד קהל "חוג חתם סופר" אין בני ברק, האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין רבי'ן, הרה"ק בעל "ויגד יעקב" זי"ע פון פּאַפּא, אַז אַ סאַך מאָל, ווען עס קומט דער טאָג פון זאת חנוכה, און דער מענטש מאַכט אַ חשבון הנפש, פאַלט ער אַריין אין יאוש און עצבות, זעהענדיג ווי ער האָט נישט אויסגענוצט דעם יום טוב ווי געהעריג. אויף דעם זאָגט מען איהם, שטאַרק זיך, און שטויס אַוועק פון דיר די דאָזיגע געדאַנקען, ווייל "זאת חנוכה", מיר געפינען זיך נאָך אין די שטאַרקע טעג פון חנוכה, און מ'קען נאָך פועל'ן אַלעס וואָס מ'דאַרף האָבן.

נאָך מער: אט דער "הכנעה" אַליין איז דער תכלית פון די חנוכה-טעג, און צוליב דעם ווערט דער טאָג אָנגערופן "זאת חנוכה", כדי אַריינצוברענגען אינעם מענטש ענוה און שפלות הרוח, אָבער נישט צו עצבות און מרה שחורה ח"ו.

מיר דאַרפן זעהן דערצו, אַז עס זאָל נישט מקוים ווערן ביי אונז חלילה דער פסוק (תהלים צב, ז) "איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת", צו זיין ווי אַ שוטה און אַ "כסיל", אַ נאַר וואָס פאַרשטייט נישט אויסצונוצן דעם געהויבענעם זמן פון "זאת" חנוכה, וואָס צוליב חסרון ידיעה, לאָזט מען אַדורך דעם הייליגן טאָג ליידיג.

אויף דעם זאָגט דער פסוק (דברים לב, כט) "לו חכמו ישכילו זאת", אויב די מענטשן וואָלטן געהאַט שכל, וואָלטן זיי פאַרשטאַנען דעם מהות פון דעם גרויסן טאָג "זאת" חנוכה, זיך צו שטאַרקן און זאָגן "בזאת אני בוטח", איך פאַרזיכער זיך אין דעם טאָג פון "זאת" חנוכה.

**כ.** דער הייליגער רוזינער זי"ע, איז אַמאָל אַריינגעקומען אין בית המדרש זאת חנוכה, און געזעהן ווי דער עולם שפּילט "דריידל", ווי עס איז איינגעפירט ביי אידן. האָט דער רוזינער געזאָגט:

- וואָס מ'שפּילט חנוכה, קען מען נאָך פאַרשפּילן, אָבער וואָס מ'שפּילט זאת חנוכה, קען מען נישט פאַרשפּילן...

(ער האָט מעגליך געמיינט צו זאָגן, אַז אויב מ'פאַרשפּילט אין חנוכה, קען מען דאָך נאָך פאַרדינען אין די קומענדיגע שפּילן אין לויף פון די חנוכה טעג, אָבער וואָס מ'פאַרדינט זאת חנוכה, בלייבט שוין אויפ'ן גאַנצן יאָר).

**כא.** דער "בית אהרן" זי"ע זאָגט אין מאמרים לחנוכה, (ד"ה "עוד אמר"), אַז דער מענטש איז מחויב צו גלייבן, "שבאמירת תהלים אפשר לצאת מכל השטותים ומכל המיצרים ומכל השינויים שיש לאדם, ובזה יוכל עמוד נגד מחשבות הייאוש שמכניס בו היצר", אַז מיט'ן זאָגן תהלים קען דער מענטש אַרויסגיין פון אַלע נאַרישקייט און פון אַלע ענגשאַפטן און פון אַלע ענדערונגען וואָס קומען אויפ'ן מענטש, און מיט דעם קען ער ביישטיין קעגן די געדאַנקען פון יאוש וואָס דער יצר הרע ברענגט אַריין אין איהם.

**כב.** ווען מ'גייט אַרויס פון די טעג פון חנוכה, איז כדאי צו געדענקען די מעשה פון דעם דין תורה, וואָס הגאון רבי שלמה איגר זצ"ל האָט געהאַט ביים גאון בעל "חמדת שלמה" זצ"ל, דער וואַרשעווער רב. זיין שווער,

די השפעות פון חנוכה דאַרף איבערבלייבן ביי אונז, ווי דער "שם משמואל" שרייבט (ליל ג' דחנוכה, שנת תר"פ) אַז ס'איז נישט דאָ אַן איסור מלאכה אין חנוכה, כדי מ'זאָל נישט דאַרפן מאַכן הבדלה, ווייל די השפעות פון חנוכה בלייבן איבער אויפ'ן גאַנצן יאָר[כג].

**עס** שטייט אין ספה"ק "אמרי אמת" (ליל ח' דחנוכה שנת עדר"ת), זאת חנוכה לייענען מיר דעם פסוק "זאת חנוכה ביום המשח אותו" (במדבר ז, פד), און ווייטער לייענט מען (שם שם, פח) "זאת חנוכת המזבח אחרי המשח אותו". דאָס לערנט אונז, אַז די רישומא פון חנוכה בלייבט אויך שפּעטער, נאָכ'ן אַרויסגיין פונעם יום טוב.

**דער** "שפת אמת" שרייבט אויף עטליכע ערטער, מיר געפינען אין דער פרשה, אַז יוסף האָט געזאָגט צו פּרעה (מא, לג) "ועתה ירא פרעה איש נבון וחכם וישיתהו על ארץ מצרים". פּרעה זאָל זעהן צו ברענגען אַ מענטש וואָס איז פאַרשטאַנדיג, צוצוגרייטן תבואה אויף די זיבן יאָר פון הונגער וואָס וועלן קומען.

**שרייבט** דער "שפת אמת", דער פּסוק זאָגט (משלי י, ה) "אוגר בקיץ, בן משכיל", דער וואָס גרייט אָן תבואה אין די זומער-טעג אויפ'ן קומענדיגן ווינטער, איז אַ קלוגער מענטש. אזוי זאָגן מיר אין פיוט "מעוז צור": "בני בינה ימי שמונה קבעו" וכו', דער מענטש וואָס האָט פאַרשטאַנד, מאַכט אַ קביעות אין די אַכט טעג פון חנוכה, אַז די השפעות זאָלן בלייבן אַ גאַנץ יאָר. דאָס איז די לימוד פון פרשת מקץ, אַז מיר זאָלן האָבן פאַרשטאַנד און זיך אָנזאַפּן מיט אַלע השפעות פון דעם יו"ט אויף אַגאַנץ יאָר.

**דערמיט** טייטשט ער אויך דאס וואס יוסף הצדיק האָט געזאָגט צו פּרעה, "ועתה ירא פרעה איש נבון וחכם". איז שווער, כדי צוצוגרייטן אוצרות, דאַרף מען דערפאַר אַן "איש נבון וחכם", נאָר אַ מענטש וואָס איז אַ מומחה איינצופּאַקן די אוצרות אויף אַ גוטן אופן?!

---

וועלכער איז געווען אַ גרויסער עושר, האָט פאַר זיין פּטירה געשריבן אַ צוואה אַז דאָס ערשטע אייניקל וואָס מ'וועט אָנרופן אויף זיין נאָמען, זאָל באַקומען 100 טויזענט רובל.

דאָס ערשטע אייניקל נאָך די פּטירה פונעם זיידן איז געבוירן געוואָרן ביי רבי שלמה איגר, און ער האָט איהם טאַקע אָנגערופן אויפ'ן נאָמען פון זיין שווער. דאָס קינד איז אָבער ליידער אַוועק פון דער וועלט יונגערהייט רח"ל. שפּעטער איז ביי אַ שוואָגער פון רבי שלמה איגר - אויך אַן איידים פון דעם רייכן נפטר - געבוירן געוואָרן אַ יונגעל, און ער האָט איהם אָנגערופן אויפ'ן נאָמען פונעם זיידן. איז געוואָרן אַ דין ודברים צווישן רבי שלמה איגר און זיין שוואָגער. זענען זיי געגאַנגען האַלטן דין תורה ביים גאון בעל "חמדת שלמה". רבי שלמה איגר האָט גע'טענה'ט, אַז ער דאַרף באַקומען דאָס געלט פונעם שווער, ווייל ער האָט דאָך דער ערשטער געגעבן דעם נאָמען אויפ'ן שווער'ס נאָמען. זיין שוואָגער האָט אָבער גע'טענה'ט, אַז דאָס געלט קומט איהם, ווייל רבי שלמה'ס קינד איז דאָך נישט געווען אַ בר קיימא.

דער "חמדת שלמה" האָט גע'פסק'ענט די דין תורה, אָבער ער האָט געוואַרט אַ חודש צייט מיט'ן אַרויסגעבן דעם פסק, ווייל ער האָט געוואָלט הערן די מיינונג איבער דער שאלה, פון רבי שלמה איגר'ס פאָטער, דער גאון רבי עקיבא איגר זצ"ל, אין ווען דער "חמדת שלמה" איז געווען שטאַרק אדוק. די תשובה פון רבי עקיבא איגר איז אָנגעקומען ביז אַ חודש, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט אויך גע'פסק'ענט ווי די מיינונג פונעם "חמדת שלמה", אַז דער שוואָגער דאַרף באַקומען די הונדערט טויזענט רובעל, ווייל רבי שלמה איגר'ס קינד איז נישט געווען אַ בר קיימא.

פון דער מעשה לערנען מיר אויך לענינינו, אַז מ'פאַרדינט "מיליאָנען" פון די השפעות פון חנוכה, אָבער עס דאַרף זיין אַ "בר קיימא". אויב עס איז נישט אַ "בר קיימא", עס בלייבט נישט איבער ביי אונז דער רושם פון חנוכה, האָט מען גאָרנישט דערפון!!

**כג.** הרה"ק רבי שלמה קארלינער זי"ע האט אמאל געצונדן די חנוכה לעכט גאר נאנט צו דער וואנט, און דורך דעם איז די וואנט געווארן שווארץ. נאך חנוכה האט מען געוואלט אפרייניגן די שווארצע פלעקן, אבער רבי שלמה קארלינער האט נישט געלאזט פארבן און אפרייניגן די וואנט, זאגענדיג, אז ער וויל עס זאל איבערבלייבן דער רושם פון די לעכט אויפ'ן גאַנצן יאָר.

**אויך** דארף מען פארשטיין, פארוואס האט יוסף צוערשט געזאגט "נבון", און דערנאך "חכם"? די גמרא זאגט, אז א חכם איז איינער וואס פארשטייט די זאך, און א נבון איז א "מבין דבר מתוך דבר" (חגיגה יד.). אויב אזוי, וואלט יוסף געדארפט זאגן קודם "חכם", און דערנאך "נבון"?

**נאר** מען קען עס פארשטיין על דרך משל (וואס מ'זעהט עד היום ביי מענטשן וואס האבן זיך ליידער געפונען אין די לאגערן אין צייט פון דער ביטערער מלחמה), א מענטש וואס האט געליטן פון דחקות און ארימקייט, קען שפעטער נישט צוקוקן ווי מעןווארפט אוועק אפילו א רעפטל ברויט, אדער א קליינע טאמאטא. דאס איז דערפאר ווייל ער האט מיטגעמאכט ארימקייט און דחקות, און האט חס געווען אויף יעדע קלייניגקייט, דערפאר קען ער נישט צוזעהן ווי מען ווארפט זיך מיט עסן.

**וועגן** דעם האט יוסף מקדים געווען "נבון" פאר חכם, פרעה זאל זעהן צו ברענגען א מענטש וואס איז א "מבין דבר מתוך דבר", ער פארשטייט אז עס וועלן קומען הונגער יארן און מען דארף שוין יעצט צוגרייטן אויף יענע יארן, אז עס זאל זיין גענוג שפייז. אויב ער וועט נישט זיין א "מבין דבר מתוך דבר", וועט ער נישט באהאלטן די קליינע שטיקלעך, נאר די גרויסע.

**וועגן** דעם האט ער נישט געזאגט "חכם" פריער, ווייל יוסף הצדיק האט געווארנט פרעה, ער זאל נישט זיין א "חכם", קוק נישט אויף יעצט, זיי א "נבון", קוק אויף שפעטער אויף די שבע שנות הרעב און גרייט-אן שפייז.

**דאס** איז דער געדאנק וואס מ'לייענט אין פרשת מקץ תיכף נאך חנוכה, ווייל מ'זאגט דעם איד, מ'האט דיר יעצט געוויזן טעג פון ניסים, יעצט קוק אויפ'ן גאנצן יאר, עס זאל ווערן א "לשנה האחרת".

**אויף** די ווערטער פון דער גמרא, "מאי חנוכה, דתנו רבנן" וכו', זאגט דער "בן יהוידע", דער נאמען "חנוכה" איז דאך על שם חנוכת המזבח. אויב אזוי, וואלט עס געדארפט הייסן "חנוך", פארוואס האט מען צוגעלייגט דעם אות ה"א?

**זאגט** דער "בן יהוידע", ה"א איז מרמז אויף א זאך וואס מערט זיך כסדר, ווי דער פסוק זאגט (בראשית מז, כג) "הא לכם זרע", און די נסים פון חנוכה ווערן דאך נמשך שטענדיג, יעדעס יאר חנוכה, דערפאר הייסט עס "חנוכה".

**דער** אויבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן זוכה זיין זיך אנצוקלעבן אין די קדושה פון די חנוכה-טעג, און עס זאל נשפע ווערן אויף אונז רפואות[כד] און ישועות, שפע ברכה והרווחה אויפ'ן גאנצן יאר, און מיר זאלן בקרוב זוכה זיין צום גרויסן אור פון משיח צדקינו, במהרה בימינו, אמן.

---

**כד.** די סעודות אין די חנוכה-טעג, ווערן גערופן אין שולחן ערוך "סעודות רשות", ווייל מעיקר הדין, איז מען מחויב אין חנוכה נאר בהלל והודאה. זאגט דער מונקאטשער רב, אז די סעודות "הרשות" זענען מעורר רפואות פאר חולי ישראל, ווי די חז"ל זאגן (ב"ק פה.) "מכאן שניתנה 'רשות' לרופא לרפאות".

אויך ווערט געברענגט אין ספר "תורת אבות", אז הרה"ק רבי משה קאברינער זי"ע האט געזאגט, אז דער וואס נויטיגט זיך אין א רפואה, קען עס אויס'פועל'ן אין חנוכה.

אויך ווערט געברענגט אין נאמען פונעם קאברינער, א רמז, אז די ווערטער "להדליק נר חנוכה" באטרעפן די צאל 518, אזוי ווי די ווערטער "מלך רופא נאמן".